# פֿועה ראַקאָווסקי

ייִדיש סוף-וואָך

ענגלאַנד, יוני 2024

דן ווײַנשטאָק

# אינהאַלט

- דאָס לעבן פֿון פּועה ראַקאָווסקין דורך איר אָטאָביאָגראַפֿיע "זכרונות פֿון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערין"
- די פֿאַמיניסטישע השקפֿה פֿון פּועה ראַקאָווסקי דורך עטלעכע אַרטיקלען
- עקזאַמען

# קינדערהייט

זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1865 אין ביאַליסטאָק



# אַ פֿראַגע

ווער פֿון אײַך איז געבוירן געוואָרן דאָ אין לאַנד?

# קינדערהייט

## קאַפּיטל איינס

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1865 ביי אַ פּופּצניאָריקער מוטער און אַ זיבעצניאָריקן פּאָטער. פון דעם טאַטנס צד שטאַם איך פון זעקס און דרייסיק דורות רבנים. אונדזער יחוס דערגייט ביז רש״י. אויף דעם זאָגט עדות אונדזער ספר־היחוס וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן איינער פון אונדזערע קרובים אין וואַרשע, חיים זאַקהיים, אַ פיינער ייִד נאָר אַ גרויסער קבצן. ער האָט כסדר אָפּגעזוכט אַלע אונדזערע קרובים און זיי מזכה געווען מיט דעם יחוס פון אונדזער אָפּשטאַם. ער פלעגט דערציילן אַז אונדזער משפּחה איז זייער אַ פאַרצווייגטע. נישטאָ כמעט אין שטאָט אין רוסלאַנד און אין רוסיש־פּוילן, ווו מיר זאָלן נישט האָבן קיין קרובים.

# קינדערהייט

די באָבע, יענטע-שׂרה, האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף פּועה ראַקאָווסקין.

צי איז דאָ אין צימער אַ פֿרוי וואָס הייסט שׂרה?

# קינדערהייט

מיין מוטער איז געווען אַ געבירטיקע פון ביאַליסטאָק. איר פאָטער האָט זי נישט געדענקט, ווייל זי איז קליינערהייט געבליבן אַ יתומה. דער מוטערס מוטער, יענטע שרה, וועלכע איך געדענק נאָך זייער גוט, איז געווען אַן אמתע אשת־חיל. אין סופּראַסלע, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון ביאַליסטאָק, האָט זי געהאַט אַ גרויסע וואַסער־מיל און אין ביאַליסטאָק — אַ גרויסן מעל־סקלאַד. די באָבע יענטע שרה האָט געשמט פאַר אַ פּייער־דיקע סוחרטע און אַ גרויסע פּקחית. אָט דער באָבען האָבן אירע עלטערן חתונה געמאַכט צו צוועלף יאָר און צו דרייצן יאָר האָט זי זיך שוין אָפּגעגט מיט איר ערשטן מאַן. שפּעטער האָט זי זיך אַליין אָפּגעקליבן אַ צווייטן מאַן, וועלכער איז געוואָרן דער פאָטער פון מיין מאַמען. דאָס איז געווען אַ בחור אַן עילוי. ער פלעגט זיצן און לערנען און זי, דאָס ווייב, האָט געפירט די געשעפטן, מפרנס געווען די משפּחה. יענטע שרהס צווייטער מאַן איז געווען, ווי מ׳פלעגט עס רופן אין יענע יאָרן, אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ צורבא דרבנן און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ קנאַפּער גבור.

# קינדערהייט

ווי עס וואָלט געווען ערשט היינט געדענק איך, אַז בעת כ׳בין געווען אַ קינד פון 6—8 יאָר און עמעצער האָט מיר געוואָלט מאַכן אַ קאָמפּלי־מענט, פלעגט מען זאָגן: „דער באָבע יענטע־שרהס קעפּל“.

# קינדערהייט

## וויפֿל קינדער האָבן געהאַט ראַקאָווסקיס עלטערן?

בעת איך בין אַלט געווען אינגאַנצן אַכט יאָר האָט מיין מאַמע געבוירן שוין ס׳פינפטע קינד. בכלל האָט זי באַוויזן צו האָבן פופצן קינדער — אַ יאָר געזויגן און ניין חדשים געטראָגן. דעמאָלט האָבן מיר

# קינדערהייט – איז גאָט דאָ?

שוין פֿון אַ יונגן עלטער אָן האָט ראַקאָווסקי אַנטוויקלט אַ קריטישן קוק און געספּקט אין גאָטס עקזיסטענס.

וואָס שייך מיר, האָבן זיך מײַנע יוגנט־יאָרן אָנגעהויבן גאָר פרי. צו צען יאָר בין איך שוין געווען, ווי מ׳רופט עס ביי ייִדן, אַ פֿאָלנער מענטש. אַ חוץ דעם לערנען וואָס כ׳האָב געלערנט מיט פֿלייס, בין איך שוין דעמאָלט געווען אַ „גאָט־זוכערן״. עפּעס איז מיר געווען ענג, ס׳האָט אין מיר געבֿרויזט און איך האָב געוואָלט נאָך עפּעס, אויסער לערנען. צו דרייצן יאָר פֿלעג איך שבת בייטאָג צונויפֿרופֿן אַלע דינסטמיידלעך פֿון הויף און פֿאַר זיי פֿאָרלייענען די סדרה פֿון טייטש־חומש, אויך קאַפּיטלעך פֿון „מנורת־המאור״, פֿון תהילים און אפֿילו פֿון פּרק. ימים־נוראים בין איך געווען אין דער ווייבער־שול, ווו הין מ׳פֿלעגט מיך מיטנעמען ווי אַ פֿירזאָגערין פֿאַר די ווייבער, וועלכע האָבן אַליין נישט געקענט לייענען. אין דער זעלבער צייט, ווען כ׳בין געווען דרייצן יאָר אַלט, איז אין מיר פּלוצלינג געבוירן געוואָרן אַ ווילדער געדאַנק: איז פֿאַראַן אַ

# קינדערהייט – איז גאָט דאָ?

גאָט, צי נישט? נישט מער און נישט ווייניקער האָב איך געוואָלט דערגיין. איך געדענק עס ווי ס׳וואָלט געווען אָקערשט איצט: פאַר קיינעם האָב איך דאָס נישט דערציילט, פשוט פאַרן געדאַנק אַליין האָב איך מורא גע־ קריגן. אָבער קיין רו האָט מיר די מחשבה נישט געגעבן. אפשר אַ האַלב יאָר דורכאַנאַנד האָב איך נישט געקענט שלאָפן אין די נעכט, כ׳האָב גע־ קלערט און געקלערט און סוף כל סוף דערגאַנגען צום אויספיר, אַז קיין גאָט איז נישטאָ. אויב אַזוי, האָב איך מיר געזאָגט, דאַרף מען דאָך נישט זיין פרום. און איך האָב טאַקע אויפגעהערט צו דאַווענען דריי מאָל א טאָג, כ׳האָב אָנגעהויבן זיך קאַמען, וואַשן זיך מיט זייף, לייענען ביכלעך און כ׳האָב גלייכצייטיק גענומען אָפן אַרויסזאָגן מיינע געדאַנקען. דעמאָלט

# די ערשטע חתונה

אין עלטער פֿון זיבעצן יאָר האָט ראַקאָווסקי חתונה געהאַט צום ערשטן מאָל מיט שמעון פֿון קאַרלין דורך אַ שידוך קעגן איר ווילן:

— מאַמע, וואָס ווילט איר אייגנטלעך פון מיר האָבן? איך וויל נ
נישט קיין חתן און פאָר נישט אויף קיין תנאים. לאָזט מיך צורו. איך האָב
נאָך צייט. איך דאַרף זיך דאָך פריִער לערנען.

דערויף האָב איך זיך ביטער צעווײנט און אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג
נישט אויפגעהערט וויינען.

אויף מאָרגן נאָך דער חופה האָט מען מיר אָנגעטון אַ גרויס שייטל
אַז מ׳זאָל חלילה נישט אַרויסזען קיין איינציקע פון מיינע אייגענע האָר.
בכלל האָט מען אָפּגעטון איבער מיר אַלץ וואָס מ׳האָט געפונען פאַר
ריכטיק און פאַר נייטיק ווי עס פּאַסט פאַר אַ כשרער ייִדישער טאָכטער
פון אַ פרומער משפּחה. איך בין נאָך אַלץ געווען אַפּאַטיש, אויף גאָרנישט
פּראָטעסטירט, גלייך עס וואָלטן אַטראָפירט געוואָרן אַלע מיינע געפילן.

# די ערשטע חתונה



ראַקאָווסקי איז 18טן יאָר אַלט

# די ערשטע חתונה

- ראַקאָווסקי האָט חתונה געהאַט אין 1882.
- איין יאָר שפּעטער איז געבוירן געוואָרן איר בכור, יהודה דבֿ, ווען זי איז געווען נאָר 17 יאָר און 9 חדשים אַלט.
- אין 1885 איז געבוירן געוואָרן איר טאָכטער שיינדל.
- שמעון האָט נישט געוואָלט אַז פֿועה וועט זיך לערנען העברעיש און ער האָט נישט ליב געהאַט אירע ציוניסטישע נטיות.
- דער עקאָנאמישער מצבֿ איז געוואָרן ערגער און שמעון איז אַריבער קיין אַדעס און ראַקאָווסקי איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג און געאַרבעט ווי אַ לערערקע פֿון העברעיש.

# די ערשטע חתונה

- ראַקאָווסקי האָט פֿאַרליבט מיט מישאַ פֿרענקעל, אַ סטודענט פֿון מעדיצין, זי האָט פּלאַנירט חתונה צו האָבן מיט אים נאָך זיך געגטן פון שמעונען אָבער מישאַ האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע פֿרוי און צעבראָכן ראַקאָווסקיס האַרץ.
- ב- 1888 איז ראקאָווסקי געפֿאָרן קיין מריאַמפּאָל כדי זיך צו לערנען צו זיין אַ לערערקע אין א גימנאַזיע. אין דעם לעצטן עזאַמען איז זי געווען די איינציקע פֿרוי און די איינציקע יידענע און האָט באַקומען דעם העכסטן צייכן.
- אין 1891 ווען זי געווען 26 יאָר אַלט האָט ראַקאָווסקי סוף-כּל-סוף זיך געגטן. ווי אַזוי?

# אַריבער קיין וואַרשע

פֿאַר מיר איז געווען זייער שווער די גזירה צו פֿאַרלאָזן מייַן היימשטאָט, מייַנע קרובֿים און מייַנע נאָענטע מענטשן. עס איז געווען פּייַנלעך פּלוצלינג זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין רוסיש-פּוילן, ווּ אַפֿילו די ייִדן זענען מיר געווען פֿרעמד; אין פֿאַרלויף פֿון פֿיר און פֿערציק יאָר האָב איך שפּעטער דאָרט אָפּגעלעבט און אַלץ געבליבן די ליטוואַטשקע – בשום אופֿן זיך נישט געקענט אַסימילירן מיט מייַנע פּוילישע ברידער און שוועסטער.

# אַקטיוויטעטן אין וואַרשע

ראַקאָווסקי האָט זיך פֿאַרנומען ס'רובֿ פֿון איר לעבן מיט דערציִונג, האָט איניציאירט דאָס אויפֿשטעלן פֿון שולעס און פֿאַרשיידענע באַנייַערישע דערציִונג ראַמען און האָט אָנגעפֿירט מיט שולעס פֿון פֿאַרשיידענע סאָרטן.



ראַקאָווסקי אין 1912 אין אָטוואָצק

# אַקטיוויטעטן אין וואַרשע

- ראַקאָווסקי איז אויך געווען אַ באַקאַנטע כּלל-טוערין מיט אַן אַוואַנסירט פֿאַמיניסטיש באַוווּסט און האָט אָפֿט אָנטייל גענומען אין פֿאַרשיידענע קאָנפֿערענצן אין גאַנץ איראָפּע.

- ראַקאָווסקי האָט איבערגעזצט אויף ייִדיש 12 ביכער, למשל, "אויפֿן מערבֿ נישטאָ קיין נײַעס" פֿון עריך מאַריאַ רעמאַרק און די אָטאָביאָגראַפֿיע פֿון טראָצקי.

# אַקטיוויטעטן אין וואַרשע

- ראַקאָווסקי האָט פּובליקירט אַרום 20 אַרטיקלען אויף ייִדיש אין דער ייִדישער פּרעסע ("דער מאָמענט", "דאָס ייִדישע פֿאָלק", "הײַנט" און אַנדערע), אין מיזרח-איראָפּע ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה. אַ טייל פֿון די אַרטיקלען קען מען געפֿינען אויף אינטערנעץ אָבער זיי זײַנען נישט גרינג צו לייענען צוליב דער שלעכטער קוואַליטעט פֿון דער סקאַנירונג, ווײַל זיי זײַנען נישט געשריבן געוואָרן לויט די סטאַנדאַרטנע שפּראַך-כּללים און צוליב דעם דײַטשמעריזמען.

# טראַגעדיעס

ראַקאָווסקי האָט דורכגעלעבט אַ סך טראַגעדיעס:

איר צווייטער מאַן אַבֿרהם קריסלעווין איז געשטאָרבן נאָך 6 יאָר נאָך דער חתונה, איר טאָכטער און אירע צוויי אייניקלעך זייַנען נפֿטר געוואָרן אין אַ יונגן עלטער און איר ברודער און שוועסטער האָבן זיך אָנגעטאָן אַ מעשׂה.

# די טאָכטער איז געשטאָרבן

אַ דאָנערשטיק פֿאַרנאַכט, דעם אַכצנטן טאָג אין אדר פֿון יאָר 1913, איז געשען דער גרעסטער אומגליק אין מײַן לעבן. מײַן טאָכטער שיינדל איז געשטאָרבן פֿון אַ שווערער לונגען-אָנצינדונג, אין דער קימפּעט, אין דעם 28סטן יאָר פֿון איר לעבן. דאָס קינד, אַ מיידעלע, איז געפֿאַלן אַ לעבעדיקע אויף דער וועלט, און צוויי שעה נאָך דעם האָט מײַן אומגליקלעכע, אַכט-און-צוואַנציק-יעריקע טאָכטער אויסגעהויכט איר קרישטאָל-ריינע נשמה.

# די טאָכטער איז געשטאָרבן

גאַנץ וואַרשע האָט מיט מיר צוזאַמען באַוויינט מײַן גרויסן אומגליק. איך האָב נישט געוואָלט זען קיין שום נעקראָלאָגן און הספּדים אין די צײַטונגען אויף מײַן טאָכטער; פֿאַר מיר איז נישט געווען קיין טרייסט. איך האָב איר נישט געזען קיין טויטע, געוואָלט זי זאָל שטענדיק בלײַבן אין מײַן זכּרון אַ לעבעדיקע. די זעלבע יפֿת-תּואר ויפֿת-מראה מיטן גוטן קלוגן שמייכל אויף איר ליכטיקן פּנים. איך האָב נישט געוואָלט זען ווי מ'לייגט איר אַרײַן אין דר'ערד. מײַן אַלטע מאַמע איז געקומען צו דער לויה פֿון איר טײַער בלוט-יונג אייניקל.

# דאָס צוזאַמענלעבן מיט בירנבוימען

מיר איז שווער געוואָרן דאָס צוזאַמענלעבן מיט מײַן חבֿר בירנבוים. לעבן פֿאַר מײַנע פֿליכטן האָב איך נאָך געקענט. געניסן אָבער פֿונעם לעבן, - דאָס בין איך נישט געווען בכּוח. איך האָב געוואָלט פֿון אים אַוועקגיין. און געבליבן בין איך נאָר אויס דאַנקבאַרקייט פֿאַר זײַן פֿאָטערלעכער באַציִונג צו די אומגליקלעכע יתומים פֿון מײַן הייס-געליבטער טאָכטער. זייער טאַטע האָט זיך מיט זיי ווייניק אינטערעסירט. קיין געלט פֿאַר זייערט וועגן האָב איך בײַ אים נישט געמאָנט. ליב געהאַט און צוגעבונדן זענען זיי געווען צום חבֿר בירנבוים מער ווי צום אייגענעם פֿאָטער. און אַזוי האָט עס געדויערט ביז צום קריגסאויסברוך. קיין לײַכטע זאַך איז עס נישט געווען.

# דאָס צוזאַמענלעבן מיט בירנבוימען

איך בין אַלט געווען 48 יאָר. בירנבוים נישט מער ווי 38. אַ מענטש מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט און ליב האָט ער מיך געהאַט ווי מיט צען, צוועלף יאָר פריִער. איך האָב אָבער פֿאַר קיין פֿאַל נישט געקאָנט זײַן נאָענט מיט אַ יונגן-מאַן, ווען מײַן 28יעריקע טאָכטער ליגט אין דר'ערד. אָפּט פֿלעגט ער צו מיר זאָגן: "דו האָסט נישט קיין רעכט פֿון מיר אַוועקצוגיין צוליב אונדזער איינציק קינד. זי האָט אונדז ביידן ליב און טאָרסט נישט צעברעכן איר לעבן" (שׂרהלע האָט איר טאַטן אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט).

# פֿועה ראַקאָווסקי איז עולה קיין ארץ-ישׂראל

- ראַקאָווסקי איז עולה געווען קיין ארץ-ישׂראל צוויי מאָל:
  - אין 1920
  - אין 1935



ראַקאָווסקי אין 1938 אין תּל-אָבֿיבֿ



ראַקאָווסקי איז 80 יאָר אַלט

- ראַקאָווסקי איז געשטאָרבן אין 1955, זי איז געווען 90 יאָר אַלט

# צי קען די פֿרוי צונויפֿבינדן געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אַרבעט מיט פֿאַמיליען-פֿליכטן?

<u>הײַנט , 6 בינואר 1929</u>:

די דאָזיקע האַרבע קשיא האָט איצט שטאַרק אויפֿגערעגט די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד בכלל און אין דער ענגלישער פֿרויענוועלט בפֿרט און הויפּטזעכלעך אין וואָרטפֿירערינס פֿון דער ענגלישער פֿרויען-באַוועגונג. אַרויסגערופֿן די אויפֿרעגונג האָט דער פֿאַקט, וואָס אַ געוויסע קאָנסערוואַטיווע דעפּוטאַטין, פֿרוי הילטאָן פֿיליפּסאָן, האָט זיך פּלוצלינג דערשפּירט צו שוואַך אין דער ראָל פֿון אַ פּאַרלאַמענטס-מיטגליד און גלײַכצײַטיק פֿון אַ מוטער. דער פּאַרלאַמענטאַריזם פֿאַלט נעבעך אַלס קרבן אויפֿן מזבח פֿון דער מוטער-ליבע. פֿרוי פֿיליפּסאָן פֿאַרלאָזט די פּאַרלאַמענטס-טריבונע און טראָגן זיך אַריבער אין קינדער-צימער

# צי קען די פֿרוי צונויפֿבינדן געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אַרבעט מיט פֿאַמיליען-פֿליכטן?

איצט די עצם-פֿראַגע, צי קען מען פֿאַראייניקן די פֿליכטן בנוגע די ווײלער מיט די פֿליכטן פֿאַר דער פֿאַמיליע? די דאָזיקע פֿראַגע עקזיסטירט אונדז בכלל נישט, פּונקט ווי זי שטייט נישט פֿאַר קיינעם פֿון די דעפּוטאַטן אָדער פּאַרלאַמענטאַריער אין דער געשטאַלט פֿון אַ מאַנספּאַרשוין. איך מיין אַז די מענער טראָגן פּונקט אַזוי די פֿליכטן פֿאַר זייערע ווײלער און גלײַכצײַטיק פֿאַר זייערע פֿאַמיליעס און דאָך פֿאַלט גאָר קיינעם נישט אײַן צו דעמיסיאָנירן פֿון זײַן פּאָליטישן אַמט צוליב זײַנע פֿאַמיליען-פֿליכטן.

# צי קען די פֿרוי צונויפֿבינדן געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אַרבעט מיט פֿאַמיליען-פֿליכטן?

גאַנץ פֿאַרשטענדלעך איז די עמפּערונג און פֿאַרביטערונג, וואָס אַזאַ מין אַבסורדער ארויסטריט פֿון אַ פֿרוי האָט אַרויסגערופֿן בײַ די וואָרטפֿירער פֿון דער ענגלישער פֿרויען-באַוועגונג. ס'איז פּשוט אַן אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע האַנדלונג צו געבן געווער אין די הענט פֿון די פֿרויען-קעגנער, וועלכע באַקעמפֿן נאָך כּסדר אַפֿילו אין די פֿרײַסטע לענדער, די גערעכטע פֿרויען-פֿאָדערונגען, וואָס פֿאָרמעל האָבן זיי אונדז שוין לאַנג אָנערקענט.

# דרינגענדע אויפֿגאַבעס

דער מאָמענט, 26 יוני 1924:

עס זענען פֿאַראַן געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע מע מוז כּסדר האַלטן אין איין רעדן, וויסנדיק לכתּחילה, אַז קיין נײַ וואָרט וועט מען שוין אפֿשר וועגן דעם דאָזיקן ענין נישט זאָגן.

פֿאַר קיינעם פֿון אונדז איז שוין מער קיין וויכּוח נישט, אַז עס האָבן זיך שטאַרק אַ וואַקל געטאָן די יסודות פֿון די ביז איצטיקע ייִדישע פּרנסות, אַז עס שאַפֿן זיך לגמרי אנדערע לעבנס-פֿאָרמען און גאַנץ נײַע לעבנס-באַדינגונגען. ווילנדיק נישט ווילנדיק, מוזן מיר זוכן און געפֿינען די מיטלען און וועגן, וואָס זאָלן אונדז שאַפֿן די מעגלעכקייט זיך צוצופּאַסן צו די נײַע פֿאָדערונגען, צו דער נײַ געשאַפֿענער לאַגע.

# דרינגענדע אויפֿגאַבעס

ס'איז די העכסטע צײַט, מיר זאָלן זיך דורכדרינגען מיטן באַוווּסטזײַן, אַז ניט דורך פֿילאַנטראָפּיע וועלן מיר אויסבעסערן די סאָציאַלע לײַדן פֿון אונדזער פֿאָלק, נדבֿות זענען ניט מער ווי האַלבע מיטלען, וואָס ברענגען אפֿשר אַן אויגנבליקלעכע פֿאַרלײַכטערונג, פֿאַרשקלאַפֿן אָבער דעם נעמער, דערנידעריקן זײַן מענשלעכע ווירדע און – ער בלײַבט דער זעלבער אָרעמאַן. מיטהעלפֿן מענטשן צו ווערן פּראָדוקטיוו, שאַפֿן זיי די מעגלעכקייט צו לעבן מיגיע-כּפּים, פֿון ערלעכער אַרבעט - דאָס איז דער וועג, וואָס קען און מוז פֿון גרונט אויס פֿאַרבעסערן די סאָציאַלע לאַגע פֿון אונדזערע מאַסן.

# דרינגענדע אויפֿגאַבעס

פֿאַר אונדז, פֿרויען, האָט דער דאָזיקער פּראָדוקטיווירונגס-פּראָצעס אויסער דעם נאָך אַ וויכטיקן פּאָזיטיוון מאָמענט: די עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט איז דער שטאַרקסטער מאַכטפֿאַקטאָר אין אונדזער קאַמף פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער גלײַכבאַרעכטיקונג.

# מאַטעריאַלן וואָס איך קען שיקן

- די פּרעזענטאַציע
- די אָטאָביאָגראַפֿיע פֿון פֿועה ראַקאָווסקין
- אַרום 10 אַרטיקלען פֿון פֿועה ראַקאָווסקין
- דער אַרטיקל פֿון אויפֿן שוועל וועגן ראַקאָווסקין
- די טעזע אַרבעט פֿון ד"ר מרים סאַמעט (אויף העברעיִש)
- אַ סעמינאַר אַרבעט מייַנער (אויף העברעיִש)

# מײַנע קאָנטאַקט פּרטים

מיט מער מוח
צו בעסערן כּוח

Dr. Dan Weinstock

באַנײַעוודיקע ענערגיע
ענערגיע-שפּײַכלער
קלוגע נעץ
עלעקטרישער טראַנספּאָרט

ד"ר דן ווײַנשטאָק
פֿײַגן-גאַס 1, רעננה 4257702
בליצפּאָסט-אַדרעס: danweinstock1969@gmail.com
מאָבילקע: 050-6206077

אַ שיינעם דאַנק פֿאַר אַייער אויפֿמערק און געדולד!